לייענט היינט דעם אנהויב פון אונזער נייעם ראמאן — 11 זייט

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 30 גראשען — היינט 24 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

| № 245 | Łódź, Piątek 23 października 1931 r. | נייַנטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג י״ב מרחשון תרצ״ב | № 245 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

„Chleb Sułtański", „Express" W. G. געזונד, נאהרהאפט און געשמאקהאפט איז

וועלכע ענטהאלט אין זיך די בעסטע שמאנד־מאסע און די איידעלסטע עגזאטישע פרוכטען.

צו בעקומען אין אלע דעליקאטעסען־געשעפטען און פאקעטען צום פרייז 50 גראשען און 1.25 זל. הורט־בעשטעלונגען ווערען אנגענומען טעלעפאניש 188-22 און ווערען שנעל און פינקטליך געליפערט.

בעמערקונג: ביים קויפען בעטען מיר אכטונג צו געבען אויף די מארקע „SUŁTANKKA" „EXPRESS" W. G.

## אכטונג, זגערזש!

מארגען, שבת, 7 אוונט ערווארט זגערזש א עונג, וואס זגערזש האט שוין לאנג נישט געהאט: דער טאלאנטפולער זעהר בעגאבטער ערנסטער העברעאיש־יודישער שריפטשטעלער אויסגעצייכנעטער רעדנער פון ווארשא

## ב. דוב אויערבאך

וועט האלטען א גרויסען ערנסטען פארטראג אויף איינע פון אינטערעסאנטסטע טעמען

## א סטודיום אין דער יודישער געשיכטע.

עס ווערט אויך צוגעגרייט פאר דעם זעלבען שריפטשטעלער א גראנדיעזער פריהמארגען אין דער פילהארמאניע אין לאדז.

גענויערעס וועט אנאנסירט ווערען.

א קוואליפיצירטע פערקויפערין צו מאלאשען און שנ־ענאוצעם קאן זיך מעלדען ביי ר. זעלינגער 8 פעטרי־אווער 8

Dr. HELLER

ספעציאליסט פאר הויט, וועגערישע קראנקהייטען און מענער שוואכע

נאווראט 2 טעל. 79 89

נעמט אן ביז 10 פריה און פון 4 — 8 אוונט פאר פרויען ספעציעל פון 4 — 5 נאכמיט פאר אונבעמיטעלטע לעמשניצע־פרייזען.

3 נאוואמיעסקא — טוך און קארט־געשעפט — נאוואמיעסקא 3

## Herman Włoski

לאדז, נאוואמיעסקא 3 טעל. 114-92, פראנט 2־טער שטאק

עמפפעהלט צום איצטיגען הערבסט און ווינטער סעזאן דעם רייכסטען אויסוואהל פון די נייעסטע

## דאמען־ און הערען־שטאפען

ווי: לאדזער, טאמאשאווער, ביליצער, לעאנארד'ס און אז״וו. אויסארבייטונגען

בעסטע קוואליטעט / נייעסטע מאדע / פאבריקס־פרייזען / הורט און דעטייל

געדענקט די אדרעס!

קויפט נור ביי דער ערשטער האנד!

## ייִן כשר וטוב!

1/4 ליטער נור 63 גראשען

פון דער אלטער בעוואוסטער פירמע

## „בארוויך"

אינה.: מענדיל בארנשטיין, לאדז

נאוואמיעסקא 30, טעל. 210-58

גרויסער אויסוואהל פון ווינען, ליקערן און בראנפען'ס.

ביליגע פרייזען. סאלידע בעהאנדלונג.

א הארציגען מזל טוב ווינש איך די פאמיליע פישהאף צו דער פערלאבונג פון אייער טאכטער

מאניא פישהאף

מיט העררן מאטעק ברייטבארד

איך ווינש דעם יונגען פאר א בליהענדע צוקונפט עקיבא גרינבוים

Z intencji zaręczyn

p. Maniuty Rajczykówny

z p. Abramem Goldblatem

najserdeczniejsze życzenia składają

Tola Zylberberzanka

Władysław Frajman

מזל־טוב. א הערצליכען מזל־טוב ווינשען מיר אונזער ג׳ פרעזעס ה׳ שלמה טאסמאן און זיין פרוי צום געבוירט פון זייער ערשט אייניקל פון זייער טאכטער

עדזיא הענריקאווסקא

די פערוואלטונג און סעקרעטאריאט פון קליינהענדלער־פעראיין פיעטריקאווער 6

צו דער פערלאבונג פון אונזער פריינד

יוסף גאלדוואסער

מיט פרל. מאניא מילמאן

ווינשען מיר א הערצליכען מזל טוב און א גליקליכע צוקונפט.

לייביש דימאנט און פרוי

## POLISY AMERYKANSKIE!

מיין אדוואקאט אין ניו־יארק טיילט מיט, אז די נייע פאליסען פון דער „NEW-YORK" געז. וועלכע וועלען צוגעשטעלט ווערען דער געזעלשאפט פאר׳ן 1 דעצעמבער ד. י. וועלען געניסען אין יאנואר פון ווייטגעהענדסטע בעסערע ליקווידאציאנס־בעדינגונגען, ווי ביז איצט. צוליב דעם בעטע איך דאס אננעהמען פון נייע פאליסען ביז׳ן 10 נאוועמבער ד. י.

גלייכצייטיג בעטע איך דאס אננעהמען פון נייע פאליסען פון דער „EQUITABLE" געז.

אין וועמענס אנגעלעגענהייט אדוואקאטען דערווארטען א שנעלען און גוטען רעזולטאט צוליב דעם וואס דער אורטייל איז נאך נישט פעראפענטליכט געווארען (געווים האמעוועט עס די געזעלשאפט).

Sz. GOLDMAN, ul. Pilsudskiego 36

פון 4 ביז 6 נאכמיטאג.

## F-ma F. Futerman

(Właść. B-cia FUTERMAN)

PIOTRKOWSKA 28, tel. 129-21

דערמיט האבען מיר דעם כבוד צו עמפפעהלען דער ג. קונדשאפט צום איצטיגען סעזאן א רייכען אויסוואהל פון די מאדערנסטע און לעצטע נייהייטען פון דעקאראציאנס־שטאפן, טיש־בעט־דעקן, גארדינען, קאצען, צעראטעס, פארטיערען, פלוש־דעקען, רייזע־פלעדען, פערשידענע לינאלעאומס ווי אויך האנד־דיוואנעס

אלעס צו קאנקורענץ פרייזען, / רעעלע בעהאנדלונג הורט און דעטייל / געדענקט די אדרעס פיעטריקאווער 28

ווייכטיג פאר עלעגאנטע הערען!

דער מאדערנער הערן־שניידער־אטעליר

## Ch. SZRANK

פיעטריקאווער 83, טעל. 167-93

מאכט בעקאנט דער ג. קונדשאפט, אז צום ווינטער־סעזאן נעהם איך אן אלעראט ארבייטען פון אייגענע און אנגעטראגענע סחורות לויט דער לעצטער מאדע. ביליגע פרייזען!

סאלידע און פינקטליכע אויספיהרונג!

הרינו מביעים בזה את רגשי השתתפותנו החמה לחברנו מר שלמה פליבער לרגלי האסון שקרהו במות עליו

# אמו ז״ל

בסיועו בעבודת בנין ארצנו ימצא נחומים!

ועד ההתדרות הציונית בלודז

הועד של „קרן היסוד" בלודז

ועדת קרן הקימת לישראל

## „UROLYSIN"

גלענצענד בעווערטעס מיטעל צו נירען און בלאזען־קראנקהייטען

הויפט נידערלאגע

Apteka A. PERELMANA i S-ka

צעגעלניאנא 32.

## ווארנונג!

אזוי ווי ס׳האבען זיך בעוויזען אין גאס וועקסלען מיט מיין זשירא, וועלכע זענען געפעלשט, ווארן איך דעריבער, אז מ׳זאל די וועקסלען נישט נעהמען, ביז מ׳וועט זיך ביי מיר ערקונדיגען.

FABRYKA CZEKOLADY i CUKRÓW

„ARKADIA"

Wł.: F. ROSENSTEIN, Łódź

Ogrodowa 13.

7122

# דער קונדס

הומאָר • סאַטירע •

צוזאַמענגעשטעלט פון אב—נעק •

פרייטאַג, דעם 23 אָקטאָבער 1931 • ביילאַגע צום פרייטאַג-נומער 245


## לאַוואַל איז געקומען קיין אַמעריקאַ




אָט אַזוי מ'שטעלט זיך פאָר אין פראַנקרייך דאָס אָנקומען פון פרעמיער לאַוואַל קיין אַמעריקאַ — נאָוויס. הוסמאַן



## פראַנקרייכ'ס גאָלד-אַפּעטיט וואַקסט




אַלע האָט דער פראַנצויזישער פּאָליפּ שוין פאַרשלינגען, איצט קומט די רייה אויפ'ן אָנקעל סעם (דייטשע קאַריקאַטור)

## „סוואַ דאַ סוועגאַ"

### אַ יוד מיט אַן'ענגלענדער ביי אַ „פּול טשאַרני"

ענגלענדער (צום יודישען שכן): אייער ווייסט, פאַניע לייבוש, אייער „מניעישאַשטש" מאַכט אונז גרויסע קלאָפּאָטען.

יוד: ווען אונזער „מניעישאַשטש" וואָלט גע האָט די „וויענקשאַשטש" קאַפּיטאַל, וואָלט אייער קלאָפּאָט נישט אַזוי גרויס געווען.

יוד: און אפשר קאָנט איהר מיר זאָגען, פאַניע וואַצקי, פאַרוואָס ציהט אַזוי שטאַרק דעם פראַנצויזישען מיניסטער לאַוואַל קיין אַמעריקאַ?

ענגלענדער: ווייל „סוואַ דאַ סוועגאַ", גאָלד ציהט צו גאָלד.

## „יודיש" לשון

### אַרויסגעכאַפּטע דעפּעשע פון דער אגודהשער צייטונג

גענף — בריאַן האָט אין אַ דרשה, וואָס ער האָט געהאַלטען פאַר די אנשי פּרעסע אין זיין חדר בעת אַ פריהמאָרגען-אכילה, מסביר געווען זיין ספק, צי די יאַפּאַנישע שאלה וועט געפינען אַ תיקון אויף דער סוב-אַסיפה פון דער פּאָליטישער חב"ה, וואָס איז עוסק אין דער מסכת מכה דער יאַפּאַניש-כינעזישער מלחמה.

## וועגען עדיסאָנס וואונדער

### אַ שמועס צווישען מנחה און מעריב

— וואָס זאָגסטו נישט דערצו — עדיסאָן איז דאָך געשטאָרבען!

— אי, אי, אַזאַ גרויסער קאָפּ-מענש — זאָגט אַ צווייטער — ער האָט דאָך פאַרפולקאָמט דעם טעלעפאָן!

— דאָס הייסט אַ דערפינדונג — ס'איז דאָך ממש נישט צו בעגרייפען — רופט אַן'אַנדערער אויס מיט ענטציקונג — נעמסט אַ רעדעלע, לעגסט צו צום אויער און שמועסט זיך דורך מיט אַ מענש, וואָס איז טויזענד מייל ווייט פון דיר! — דאָס איז דאָך דער גרעסטער וואונדער פון דער וועלט!

— דאָס איז גאַרנישט קיין וואונדער — האָט אַ צווייטער געזאָגט. דער אמת'ער וואונדער פון טעלעפאָן ליגט אין דעם, וואָס אַפילו אַ יוד קען אויף איהם רעדען.

— אַ יוד? פאַרוואָס עפּעס דיקא אַ יוד? — האָבען זיך די אַנדערע געחידושט?

— אַז אַ יוד קען רעדען מיט איין האַנד, איז עס די אומנאַטירליכסטע זאַך אויף דער וועלט — האָט דער יוד געענטפערט.

## ממה נפשך...

— פאַר וואָס נעמט מען אַ מלמד אויף אַ זמן (אויף אַ האַלב יאָהר) און נישט אויף אַ גאַנץ יאָהר?

— דאָס איז גאַנץ איינפאַך, ממה נפשך, וועט דער מלמד זיין ערליך און וועט לערנען מיט'ן יונגעל ווי עס בעדאַרף צו זיין וועט ער דאָך קריגען די סוכאָטע און וועט באַלד נאָכ'ן זמן שטאַרבען און מ'וועט מוזען באַלד זוכען אַן'אַנדער מלמד, אלא וואָס דען ער וועט נישט קריגען נאָכ'ן ערשטען זמן די סוכאָטעס און וועט נישט שטאַרבען, וועט דאָך דאָס זיין אַ סימן אַז ער איז נישט ערליך געווען און האָט נישט געלערנט מיט'ן יונגעל ווי עס בעדאַרף צו זיין וועט מען דאָך אויך מוזען נאָכ'ן זמן זוכען אַן'אַנדער מלמד...

## אַ נישט פאַרגינערין

שכנטע (צו דער בעל הביתטע): פאַרוואָס האָבען זי ענטזאַגט איהנס דינסט? זי האָט דאַכט זיך, גאַנץ גוט ערפילט איהרע פליכטען.

בעל הביתטע: יאָ, זי האָט אָבער אָנגעהויבען ערפילען אויך מיינע פליכטען...

—=:O:=—

## דייטשלאַנד, דייטשלאַנד!

אין סאָציאַליסטישען דייטשלאַנד, האָט היינט פערלוירען דעם ווערט, נישט נאָר דער דייטשער מאַרק, נאָר אויך דער דייטשער מאַרקס.

## די מאַמע פאַרשטעהט אַבערש

טאָכטער: — איך רעכען צו שטודירען פיזיאָלאָגיע, פּסיכאָלאָגיע און ביאָלאָגיע.

מוטער: — איך ראָט דיך בעסער פריהער צו שטודירען קאָכאָלאָגיע, וואַשעלאָגיע קעהרעלאָגיע.

## אַ פאַרגלייכעניש אַזאַ

— ווי לעבסטו מיט דיין ווייב?

— פונקט ווי די „אגודה" מיט די אַלעקסאַנדרער: כאָטש זיי האַלטען זיך אין איין אַרומקריגען, דאָך ווילען זיי ווייטער וואוינען אונטער איין דאַך (אין דער קהלה).

—=:S:=—

## לאָדזער אַריסטאָקראַטען

### ווי אַזוי עסען זיי?

— זאָגט אַ פּראָוויגצער יוד:

— לאָדזער נגידים זענען אַלע אַריסטאָקראַטען: ווען מ'קומט צו זיי, טרעפט מען צום מיטאָג. אַ פּראָסטער האַלב-סוחר עסט נישט פריהער מיטאָג ווי 2 אַ זייגער. היינט אַזאַ גביר ווי עס... עסט אין פינפע. איך בין געווען — דערצעהלט דער יוד ווייטער — ביים ראָטמאַן ביאַלער, האָט ער געגעסען אַ פערטעל אויף זיבען!

— היינט, אַז אַ ראָטמאַן עסט אַ פערטעל אויף זיבען, ווען עסט שוין אַזאַ דעפּוטאַט מינצבערג?

— האַלב אַכט.

— און אשר קאָהן?

— אשר קאָהן עסט שטענדיג ערשט צומאָרגענס!

—):O:(—

## צו עדיסאָנס טויט

פון טיפען הערצען בעדויערען מיר דעם טויט פון דעם גרויסען ערפינדער פון גראַמאָפאָן

# טאָמאַס עדיסאָן

אַ דאַנק וועמען אונזערע „אבינו מלכינו'ס" זענען אַזוי שטאַרק פּאָפּולער געוואָרען...

גרשון סירוטא

יאָסעלע ראָזענבלאַט

# צום טויט פון געניאלען ערפינדער עדיסאן



דער יונגער עדיסאן ביים פאנאגראף, וועלכען ער האט ערפונדען.



עדיסאן (רעכטס) פאהרט אין אויטא מיט פרעזידענט הובער.






די גרעסטע ערפינדונג עדיסאנס: דאס עלעקטרישע לעמפעל

ליגקס: עדיסאנס האנדשריפט — בעשטעלונג פון ערשטען עלעקטרישען לעמפעל.



א וויכטיגע ערפינדונג: אין ענגלאנד ווערען איצט געמאכט פראבעס מיט אן אויטאמאטישער ברעמזע, וואס זאל אפשטעלען אליין דעם צוג אין א נויט־פאל.



מ'היילט שיקלען אהן אפעראציע.

אויף דער אפטישער אויסשטעלונג אין לאנדאן האט מען דעמאנסטרירט אן אפאראט צו היי[illegible] שיקלען אהן אן אפעראציע.



מאגארך אף „בערמודא"

די נייע ענגלישע ריזען קרייס - שיף.



אַרבייטסלאָזע בויען זיך אַ שטאָט נישט ווייט פון בראַנדענבורג (דייטשלאַנד)



דער בעריהמטער מאָלער לעסער אורי (א יוד) איז געשטאָרבען אין עלטער פון 70 יאָהר.



שוועריע טראַמוואַי־קאַטאַסטראָפע אין האַנאָווער.



טעדעסקיני — דער פּויפּסטליכער נונציוס אין אָפּגערופען געוואָרען פון שפּאַניען צוליב די גע־רעצען געגען קלער.



די וואונדער פון ראַדיאָ:
מאַרקאָני, זיצענדיג אין רוים אילומינירט דעם האַפען פון ריאָ דע זשאַנעירא



אינסטיטוט צו פאָרשען האַרץ - קראַנקהייטען איז געעפענט געוואָרען אין באַד נאַוהיים

——=:[O]:=——

די נייעסטע ענגלישע אונטערוואַסער־שיף





די הכנות צו דער אָלימפּיאַדע אין לאָס אַנדזשעלעס :: פראַגמענט פון ריזען־סטאַדיאָן.



פּראָצעס פון 70־יעהריגען דייטשען שריפטשטעלער שטרעקער, וועלכער האָט אונטערגעצונדען זיין ווי־ליע, כדי צו בעקומען אַסעקוראַציע.



דזשאָרדזש וואַשינגטאָן דער ערשטער פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען.



„זאָדיאַק", אַ נייע לופט־שיף, וואָס איז איינגעפיהרט אין דער פראַנצויזישער אַרמיי.

